בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת תרומה תשפ"ב
מאמר ב' ס"ג

יו"ל פר' תרומה תשפ"ג

# ברכת מזל טוב

ברכת מזל טוב יעלה ויבא ויגיע על ראש ידידנו,
המסור בלו"נ להוצאת תורת רבינו שליט"א בכתב ובע"פ
ה"ה הרה"ג רבי **גדליהו הלוי** שליט"א **שארר**
לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו בנישואי **בתו הבכורה** תחי'
עב"ג החתן המופ' בתויר"ש טהורה
כמה"ר החתן **פינחס מנחם הכהן** שיחי' לאוי"ט כהנשטאם
מבחירי ישיבת פני מנחם בירושלים עיה"ק ת"ו
בן ידידינו עוז כהן שדעתו יפה כמוה"ר **ישראל הכהן** שליט"א
ויה"ר מלפני אבינו שבשמים שיזכו לבנות בית נאמן בישראל על אדני התורה היראה והחסידות בדרך שהורונו רבוה"ק זי"ע ויבלחט"א, בבני ברוכי וחיי אריכי ומזוני רוויחי, ועיני ההורים והסבים רואות ושמחות, ובמהרה נזכה לבנין ביהמ"ק השלישי ובא לציון גואל, אכי"ר.

בשם כל קהלא קדישא הדין
והנהלת מוסדות התורה והחסד פני מנחם
ידידכם יצחק רוזנטל - מכון קול מנחם

רשת מוסדות
פני מנחם
בנשיאות רבינו
ראש הישיבה מגור שליט"א

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**רש"י** שרייבט אנהייב פרשה (כה, ב) 'שלשה עשר דברים האמורים בענין, כולם הוצרכו למלאכת המשכן או לבגדי כהונה, כשתדקדק בהם'. דארף מען צו פארשטיין וואס קומט אונז דא רש"י צו לערנען, און וואס איז דער 'דקדוק' אין אזיין פשוטע זאך, וזיל קרי בי רב [אנהייב פרשת תצוה, ביי די מעשה פונעם אפוד מיט די חושן, וואס ס'שטייט בי זיי אסאך נישט פארשטענדליכע פרטים, ערקלערט רש"י אין אנהייב די גאנצע ארבעט, און דערנאך דבר דבר על אופנו, אבער דא זענען אלע פסוקים קלאר געשריבען אין די פרשה].

**מ'קען** דאס געבען צו פארשטיין, לויט די באוואוסטע ווארט פון דער **שפת אמת** (פקודי תרמ"ו) אויפ'ן לשון פונעם פסוק (פקודי לח, כז) **'מאת אדנים למאת הככר'**, וואס לכאורה וואלט געדארפען שטיין פארקערט **'מאת הככר למאת אדנים'**, ווייל מ'האט דאך צוזאמענט גענומען פון אלע יודען א מחצית השקל - 'מאת הככר', פאר'ן צוועק פון 'מאת אדנים'. נאר געבט דער שפת אמת צו פארשטיין, אז דער גאנצע בנין פונעם משכן מיט אירע מאס'ען ווענדט זיך אינעם נדבה וואס געפינט זיך אין די יודישע הערצער, און די ארבעט איז געווען **'מאת אדנים'**, ווייל ס'איז געווען א נדבה פון **'מאת ככר'**, און אויב די נדבה וואלט געווען מער פון דעם, וואלט מען געמאכט דערמיט נאך אנדערע זאכען. און אזוי שטייט אין פסוק (שה"ש ג, ט-י) 'אפריון עשה לו המלך שלמה מעצי הלבנון, עמודיו עשה כסף רפידתו זהב מרכבו ארגמן תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים', **'אפריון עשה לו המלך שלמה'** מיינט די בית המקדש דארט וויא דער מלך שהשלום שלו געפינט זיך, ס'איז געמאכט געווארען **'מעצי הלבנון עמודיו עשה כסף רפידתו זהב'**, לויט **'תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים'** - די פנימיות רצון וואס איז פארהאן אין די יודישע הערצער [און אזוי וויא די זקני חסידים האבען נאכגעזאגט אינעם נאמען פונעם **שפת אמת זי"ע** אז **'תוכו רצוף אהבה'** גייט ארויף אויף די רצונות פון די יודען און

זייערע השתוקקות צום אייבערשטען (עי' עבד"ד ח"ב עמ' קד)].

**אויף** די יסוד פון די ווערטער פון דער שפת אמת קען מען זאגען, אז דאס האט רש"י געמיינט צו זאגען, אז די בנין פונעם משכן איז נישט אזוי וויא מעשה בשר ודם - וואס ס'איז סוף מעשה במחשבה תחלה, אז אין אנהייב פלאנירט מען אויס און מ'שטעלט אוועק דעם ציהל וואס מען גייט בויען, און לויט דעם צוועק זאמעלט מען איין גאלד און זילבער, נאר ביים תרומת המשכן איז דער עיקר דער רצון און די נדיבות הלב פון די יודען, אבער ווען מ'וועט 'מדקדק' זיין וואס מ'האט געטוהן מיט'ן נדיבות הלב - וועט מען זעהן אז ס'איז געווען א נוץ -תועלת פון יעדער פרט און פרט וואס די יודען האבען מנדב געווען צום תרומת המשכן.

**דער** רבי דער **בית ישראל זי"ע** [וואס דאנערשטאג איז געווען זיין יארצייט, און מיר שטייען נאך אין די נאנטע טעג נאנט צום יא"צ, און אין שבת נאכ'ן יא"צ האט נאך א שייכות צום יא"צ] האט געזאגט (ליש"ק תשל"ה בקו"פ) אז פון ווען דער אייבערשטער האט באפוילען **'ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו'**, איז אריין געגאנגען אין די יודישע הערצער א רוח פון נדיבות, און אלץ וואס א מענטש איז מנדב און געבט צדקה און פאר גמילות חסדים און מצוות אין אלע דורות, די שורש דערפון איז פון די נדיבות הלב פון די יודען צום תרומת המשכן, ווייל די כח נדיבות הלב אינעם תורה האט אריין געבערענגט און איינגעווארצעלט דער כח אין די יודישע הערצער אין אלע דורות. און דעריבער איז דעמאלט געווען 'מרבים העם להביא' (ויקהל לו, ה) - ווייל עס האט געמוזט אזוי זיין, וויבאלד אז אין יענעם שעה האט זיך ערוועקט די נדיבות אין די הערצער פון די יודישע קינדער, עד כדי אז ס'איז דעמאלטס איינגעווארצעלט געווארען די נדיבות הלב און די רצון אין די הערצער פון די יודישע קינדער אויף אלע דורות.

**און** מיט דעם איז מעגליך צו פארענטפערען די ווערטער פון רש"י אין מסכת שבועות, ווייל ס'שטייט אין די גמרא (שבועות כו:) אמר שמואל גמר

בלבו צריך שיוציא בשפתיו שנאמר (ויקרא ה, ד) 'לבטא בשפתים', מיתיבי 'מוצא שפתיך תשמור ועשית' (תצא כג, כד), אין לי אלא שהוציא בשפתיו, גמר בלבו מנין, ת"ל 'כל נדיב לב', שאני התם דכתיב כל נדיב לב, וניגמר מינה, משום דהוו תרומה וקדשים שני כתובין הבאין כאחד, וכל שני כתובין הבאין כאחד אין מלמדין [און די **ראשונים** קריגען זיך אויב אויך נדרי מצוה, תענית און צדקה זענען 'חל' במחשבה (עי' בית יוסף יו"ד סי' רנח סעיף יג ודרכי משה שם אות ג, ועי' רמ"א יו"ד שם וחו"מ סי' ריב סעיף ח)]. און רש"י טייטשט תרומה וקדשים - תרומת מלאכת המשכן כתיב בה (ויקהל לה, כב) 'כל נדיב לב הביאו' וגו', וגבי קדשים כתיב בחזקיהו בספר דברי הימים (ב כט, לא) 'וכל נדיב לב עולות'. אבער די **ראשונים** (עי' תוס', רשב"א וריטב"א) קריגען זיך און טייטשען אז 'תרומה' מיינט 'תרומת דגן' אזוי וויא ס'שטייט (קרח יח, כז) 'ונחשב לכם תרומתכם' [און ס'קען זיין אז דעריבער האט רש"י נישט געוואלט אזוי טייטשען, ווייל ס'איז דא א דערהער אין רש"י אז ביי 'תרומת דגן' דארף מען א 'דיבור' (עי' רש"י בכורות נט. ד"ה במחשבה ותוס' שם ותוס' מנחות נה. ד"ה במחשבה)], און מען וואונדערט זיך אויף רש"י, ווייל סתם 'תרומה' אומעטום אין גאנץ ש"ס מיינט 'תרומת דגן', און אין קיין שום ארט רופען נישט אן די רבנן 'תרומת המשכן' סתם תרומה, און אויב ס'מיינט נישט 'תרומת דגן', זאגט מען קלאר אז ס'גייט ארויף אויף 'תרומת הדשן', אדער 'תרומת מדין', אדער 'תרומת המשכן'.

**אבער** לויט די ווערטער פונעם רבי'ן די בית ישראל זי"ע, אז דער כח הרצון און די נדיבות הלב איז איינגעווארצעלט געווארען אין די יודישע קינדער פון די 'תרומת המשכן', איז זייער פארשטענדליך דאס וואס רש"י טייטשט, אז דארט וויא מ'רעדט פון א '**נדיב לב**', אויפ'ן כח וואס די יודען האבען אז גלייך ווען ער באשטעטיגט אין הארץ - גמר בלבו צו ברענגען א נדבה, איז דאס שוין 'חל' אויף איהם טראצדעם וואס ער האט דאס נאכנישט ארויס געזאגט מיט'ן מויל, ווייל דאס אידישע הארץ האט כח און א שטארקייט, איז מסתבר צו זאגען אז '**תרומה**' הייסט '**תרומת המשכן**', וואס דאס איז די שורש און

דער יסוד פון אלע ההתנדבויות און רצונות אין די אידישע הערצער, אויף אלץ וואס ער באשלוסט אין זיין הארץ צו געבען.

**און** מיט דעם קען מען געבען צו פארשטיין די קשיא פון די **שפת אמת** (תרנ"ד ד"ה ויקחו) וואס שרייבט: 'ויקחו לי תרומה (כה, א), פירש רש"י לי לשמי. וקשה, **כי בודאי הנותן נדבה למשכן מה שייך שלא לשמו**'. און מ'דארף צו פארשטיין זיין קשיא, צו דען קען מען נישט געבען א נדבה פאר'ן משכן כדי זיך גרויס צו האלטען א.ד.ג.?!, מ'טרעפט דאך ביי די מעשה המשכן אז די תורה האט חושש געווען אויפדעם און זי האט אנגעווארנט דערויף, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (כה, י) 'ועשו ארון עצי שטים' - א לשון רבים, און ביי אלע אנדערע כלים שטייט נאר **'ועשית'** - א לשון יחיד, און חז"ל זאגען (שמו"ר לד, ב) אז ס'איז כדי אז אלע זאלען זיך באשעפטיגען מיט'ן מאכען דעם ארון (ועי' רמב"ן), און דער טעם דערפון איז כדי אז דער מענטש זאל זיך נישט גרויס האלטען אז ער האט עוסק געווען מיט'ן ארון, און ווידער דער צווייטער האט נישט זוכה געווען דערמיט, נאר אלע האבען געהאט א טייל מיט'ן מאכען דעם ארון. און אזוי שטייט אויך ביים געבען מחצית השקל (תשא ל, טו) 'העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט' - אלע זענען גלייך ביים אייבערשטען, אזוי וויא ס'שטייט (איוב לד, יט) 'ולא ניכר שׁוֹעַ לפני דל כי מעשה ידיו כולם' (עי' ספורנו תשא שם, ועי' רש"י ויקהל לה, לד מתנחומא כי תשא יג). קומט אויס אז ס'איז געווען א חשש אז מ'וועט זיך גרויס האלטען און האבען א אייגענע מחשבה אינעם מעשה המשכן, אויב אזוי וואס איז דער כוונה פונעם שפת אמת **'מה שייך שלא לשמו'**, עד כדי אז מכח זיין קשיא, טייטשט ער דער פסוק און ער נעמט איר ארויס פונעם פשוטען פשט [ער טייטשט אז 'ויקחו לי תרומה' גייט נישט ארויף אויף צו געבען פאר'ן משכן, נאר 'ויקחו לי' מיינט די גאנצע גוטע שפע וואס יעדער איינער האט, נעמט זיך פונעם כח פון די תרומה וואס מ'געבט פאר'ן אייבערשטען, ווייל די גאנצע שפע אין עולם הזה איז בכח הקדושה, און ווען דער מענטש נעמט דאס, דארף ער זייער אכטונג געבען אז ס'זאל זיין

לשמה, געדענקען אז אלעס איז פונעם רבונו של עולם. און ער ענדיגט דארט צו זיינע ווערטער און שרייבט 'ודו"ק', און ער מיינט נישט בלויז ודו"ק אינעם מחשבה אליינט, נאר בעיקר מיינט ער ודו"ק אין עולם המעשה, אז ס'איז נישט לייכט דאס מקיים צו זיין, און מ'דארף זיך מיטשען דערויף].

**און** על פי הפשט קען מען זאגען, אז דער **שפת אמת** האט געטייטשט אז 'לי לשמי' מיינט נישט אז מ'דארף דאס טוהן פאר'ן אייבערשטענס וועגען שלא על מנת לקבל פרס און נישט מיינען זיך און נישט האבען קיין גאוה'דיגע מחשבות, ווייל דאס ווערט אנגערופען אין חז"ל 'לשם שמים' אדער 'לשם פועלם', א.ד.ג.. נאר 'לי לשמי' מיינט פאר די געוויסע צוועק, אזוי וויא מ'דארף האבען 'לשמה' ווען מען איז מקריב א קרבן - אינזינען האבען 'לשם עולה' און 'לשם תמיד', אדער אזוי וויא מען דארף האבען 'לשמה' ביי א 'גט', און אויפדעם פרעגט דער שפת אמת אז גאנץ גערעכט ביי מעשה השחיטה איז שייך אז ער זאל אינזינען האבען לשם א אנדערע זבח, אבער ביי די נתינה צום משכן וואס איז שייך אז ער זאל אינזינען האבען אויף א אנדערע זאך, און נאר ווען מ'האט געמאכט און געטוהן איז שייך אזוי צו באפעלען, אזוי וויא ס'שטייט 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', און מען איז מפרש אז מ'דארף האבען אז ס'זאל זיין 'לי לשמי' - אז די עשיה זאל זיין לשם א בנין פון קדושה און נישט לשם א בנין פון חולין, אבער ביים געבען וואס איז שייך אינזינען צו האבען שלא לשמו.

**און** על דרך העבודה קען מען מסביר זיין די שפת אמת קשיא [און טראצדעם וואס על פי רוב זענען רוב קושיות זיינע על דרך הפשט, איז דא מאלען וואס מ'טרעפט אמאהל אז זיינע קושיות זענען על דרך העבודה], אז וויבאלד מ'רעדט דא נישט בלויז וועגען די נתינה און די נדיבות הלב צום תרומת המשכן אליינט, נאר אויפ'ן נדיבות הלב פון די יודישע קינדער במשך אלע דורות, און אזוי וויא דער בית ישראל זי"ע האט געזאגט אז אלע אין אלע דורות - יעדער התעוררות הלב וואס א יוד האט [און אין אלע 'נדרי מצוה' - לויט די וואס האלטען אזוי], איז פון די

כח פונעם נדיבות הלב וואס די יודען האבען געהאט ביי תרומת המשכן, ביי אזיין סארט נדיבות הלב הייסט דאס אוודאי לשמה, ווייל דאס איז דאך די שורש פונעם נדיבות הלב, און אוודאי איז דאס געווען א אויסגעלויטערטע און א ריינע נדיבות, און מ'דארף בכלל נישט באפעלען אז ס'זאל זיין 'לי לשמי'.

**און** מיר האבען שוין אמאהל באמערקט אויפ'ן ווערטער וואס דער רמב"ם שרייבט אין סוף הלכות שמיטה ויובל אז **'לא רק על שבט לוי בלבד נאמר 'אני חלקך ונחלתך', אלא כל איש ואיש מכל באי העולם אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו לדעה את ה' והלך ישר כמו שעשהו האלקים ופרק מעל צווארו עול החשבונות הרבים'** וכו'. וואס לכאורה איז די סדר פארקערט, קודם כל פארשטייט דער מענטש זיין ציהל אין לעבען - מבין במדעו חובתו בעולם - און ער פארשטייט זיך אפצושיידען פון די הבלי עולם הזה או זיין קודש קדשים לה', אן דורכדעם וועט זיין **'נדבה רוחו אותו'** מקבל צו זיין א קבלה מעשית - **להבדל ולעמוד לפני ה'** מיט א איבערגעגעבנקייט און אן הקרבה, אויב אזוי וואס איז די לשון פון **'אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו'**, פארוואס האט ער מקדים געווען **נדבה רוחו** פאר **הבינו מדעו**.

**נאר** דער ענטפער דערויף איז אז ס'איז נישט גענוג אז ס'זאל נאר זיין **'הבינו מדעו'**, ווייל כל זמן וואס דער מענטש האט נישט דעם רצון אין הארץ און ער האט נאכנישט מנדב געווען רוחו, קען ער נאך טוישען זיין פארשטאנד - הבנתו און פארשטיין **במדעו** אזוי וויא ער וויל. און נאר אויב ס'איז נדבה רוחו ולבו, מיט א אמת'ע רצון און א פעסטע התעוררות אפצולאזען אלע הבלי עולם הזה, מיט א מרדות אחת בלבו של אדם - איך וויל! דעמאלט וועט איהם העלפען דאס וואס **והבינו מדעו**, אז ער זאל קענען מקיים זיין זיין רצון, און דאס אויספירען מיט די כלי המעשה.

**און** אויפדעם בעט מען **'משוך עבדך אל רצונך'**, ווייל ס'איז דא מענטשען וואס זענען מקיים די מצוות נאר אויף יוצא צו זיין ידי חובה, און אזוי וויא ס'איז די

לשון אין די גמרא (סוטה כב:) **'מה חובתי ואעשנה'** [דארט איז די כוונה צו גאוה אז ער זאגט 'מה חובתי תו ואעשנה' - ער האט שוין אלעס געטוהן, אבער עס ווערט אריינגערכנט אינדעם אויך דער וואס איז מקיים מצוות נאר כדי יוצא זיין ידי חובה 'מה חובתי'], אדער על מנת זוכה צו זיין צו חיי עולם הבא, אבער מיר בעטען **'משוך עבדך'** - אז די עבדות און די עשיה בפועל אינעם עולם המעשה זאל זיין נאך דיין ווילען - **'רצונך'** - נאכדעם וואס מיר ווערלען האבען א אמת'ע רצון צו דיר, און אזוי וויא ס'איז געווען אין די מעשה המשכן - אז די **'מאת האדנים'** איז געווען לויט די **'מאת הככר'**, אין אנהייב בעטען מיר אז מיר זאלען האבען א גוטע רצון, מיט א דארשט צו טוהן גוטס און זיך דערנענטערען צום אייבערשטען, בעסער ווערען און זיך צו פארעכטען, און דעמאלט וועט זיין 'משוך עבדך' להבינו מדעו צו זיכען די כלי המעשה וויא אזוי צו נוצען די רצונות אינעם עולם המעשה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זיך קענען באמת ערוועקען, צו וועלען און טוהן גוטס - מיט די יודישע רצון וואס איז פארהאנען אין יעדער הארץ, און בפרט בשעת רעוא דרעוין וואס דעמאלט ווערט אנטפלעקט די לויטערע רצון - די אמת'ע רצון פון אלע רצונות וואס איז פארהאן אין יעדער יודיש הארץ, און צו מאכען מיט דעם א חפץ א כלי און א תכלית.